בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר ג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ויקרא תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 424

## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### אנהויבן דאווענען מיט א 'קריאה של חיבה'

"וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר" (א א)

רש"י ערקלערט אז 'קריאה' איז א לשון חיבה, און די תורה דערציילט אז שטענדיג ווען הקב"ה האט געוואלט רעדן מיט משה האט ער פריער אים גערופן מיט א קריאה של חיבה. דארף מען פארשטיין: אויב הקב"ה האט זיך אזוי געפירט ווען ער האט גערעדט מיט משה, פארוואס פונקט ביי די פרשה פון קרבנות דערציילט אונז די תורה דער ענין?

ערקלערט **רבי שלמה קלוגער** אז מיט דעם וויל אונז די תורה אויסלערנען וואס די חכמים האבן געהייסן (ברכות לב א): "לעולם יסדר אדם שבחו של מקום ואחרי כן יתפלל"; אזוי ווי הקב"ה האט נישט אנגעהויבן זיינע ווערטער צו משה באלד מיט די ציווי, נאר מיט א קריאה של חיבה, אזוי אויך להבדיל אונז, ווען מיר שטעלן זיך בעטן און דאווענען צו השי"ת זאלן מיר פון פריער אנהויבן מיט א לויב. אויב אזוי איז נישט קיין וואונדער פארוואס די תורה דערציילט אונז דער ענין ביי די פרשה פון קרבנות, ווייל די תפילה איז דאך אקעגן די קרבנות (ברכות כו ב).

'חכמת התורה' עמ' טז

### 'מחול תמחל' כדי דיין תפילה זאל אנגענומען ווערן

"וְכָל קָרְבַּן מִנְחָתְךָ בַּמֶּלַח תִּמְלָח וְלֹא תַשְׁבִּית מֶלַח בְּרִית אֱלֹקֶיךָ מֵעַל מִנְחָתֶךָ עַל כָּל קָרְבָּנְךָ תַּקְרִיב מֶלַח" (ב יג)

**רבי אליעזר פאפו** בעל 'פלא יועץ' זאגט:

די ווערטער "מלח תמלח" זענען די זעלבע אותיות פון די ווערטער 'מָחֹל תִּמְחֹל'. מיטן זאגן: "וְכָל קָרְבַּן מִנְחָתְךָ בַּמֶּלַח תִּמְלָח" האט די תורה מרמז געווען, אויב וויל דער מענטש אז זיינע תפילות [וואס זענען אקעגן די קרבנות] זאל אנגענומען ווערן בשלימות, דארף ער זיך אויפפירן מיט א פריינדשאפט צו זיינע פריינד און מוותר זיין ווען עס פעלט זיך אויס, אזוי ווי די מאמר פון די קדמונים: "מי שמעביר על מידותיו תפילתו נשמעת" ('אורחות צדיקים' שער הרצון, ע"פ תענית כה ב).

'אלף המגן'

### 'ברית דמעות' איז אויף אייביג

"וְכָל קָרְבַּן מִנְחָתְךָ בַּמֶּלַח תִּמְלָח וְלֹא תַשְׁבִּית מֶלַח בְּרִית אֱלֹקֶיךָ מֵעַל מִנְחָתֶךָ עַל כָּל קָרְבָּנְךָ תַּקְרִיב מֶלַח" (ב יג)

זאגט **רבי יעקב אבוחצירא** בעל 'אביר יעקב':

"וְכָל קָרְבַּן מִנְחָתְךָ בַּמֶּלַח תִּמְלָח" - זעה אויסמישן יעדע תפילה מיט דיינע געזאלצענע טרערן, ווייל 'ברית מלח' - א 'ברית פון טרערן' האט הקב"ה אפגעמאכט מיט די מענטשן, אויב זיי וועלן דאווענען מיט טרערן וועט זייער תפילה באלד אנגענומען ווערן, אזוי ווי די חכמים זאגן (ב"מ נט א): "שערי דמעות לא ננעלו".

'פתוחי חותם'

### 'יהיו לרצון אמרי פי'

"וְאִם תַּקְרִיב מִנְחַת בִּכּוּרִים לַה' אָבִיב קָלוּי בָּאֵשׁ גֶּרֶשׂ כַּרְמֶל תַּקְרִיב אֵת מִנְחַת בִּכּוּרֶיךָ" (ב יד)

רש"י טייטש כאטש די תורה כאפט אן דער לשון: "וְאִם תַּקְרִיב" איז נישט די כוונה צו זאגן אז עס איז א 'רשות', ווייל דער פסוק רעדט דאך פון 'מנחת העומר' וואס דאס איז א חיוב אויפן ציבור צו ברענגען דעם צווייטן טאג פון יו"ט פסח.

אויב אזוי פארוואס האט די תורה זיך אויסגעדרוקט מיט א לשון וואס זעט אויס ווי 'רשות'?

ערקלערט **רבי משה פיינשטיין**:

די תורה וויל אונז לערנען מיט דעם, אויך די קרבנות חובה זאלן מיר נישט ברענגען ווי א חיוב און געצווינגענערהייט, נאר מיט א בחירה און רצון, אזוי ווי די חכמים האבן אונז באפוילן אויף תפילה וואס איז אנשטאט די קרבנות (אבות ב יג): "וכשאתה מתפלל אל תעש תפלתך קבע, אלא רחמים ותחנונים לפני המקום ברוך הוא" - דאוון נישט ווייל עס ליגט אויף דיר א חוב צו דאווענען, נאר בעפאר יעדע תפילה טראכט אז אויף דיר ליגט צו דאווענען און בעטן רחמים פון השי"ת אויף יעדע קלייניקייט אין דיין לעבן.

'דרש משה'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### א קליינע ווארט – א געוואלדיגע שטארקייט

דעם שבת הייבט מען אן ליינען חומש ויקרא. די ווארט 'ויקרא' איז ראשי תיבות: 'ויענו ישראל קול רם אמן'. און חז"ל לערנען אונז טאקע (שבת קיט) "כל העונה אמן בכל כוחו [ד.מ. בקול רם] פותחים לו שערי גן עדן", נישט וויניגער! און ווער וויל דען נישט עס זאל זיך עפענען פאר אים די טויערן פון גן עדן? טויערן פון הצלחה און ישועה וואו ער וועט זיך ווענדן.

זאלן מיר אריינטראכטן, די אות א' פון ויקרא, וואס איז מרמז אויף "אמן", איז א קליינע. אין דעם איז אויך באהאלטן א וואונדערליכן רמז: פון א קליינע השקעה, אבער מיט רצון און כוונה, וועלן מיר באקומען אסאך מער.

אזוי ווי להבדיל אין די ביזנעס, יעדער זוכט צו אינוועסטירן אביסל און באקומען גרויסע פארדינסטן. אין עולם האמת, עולם הנצח, איז א מצוה אזוי ווי ענטפערן "אמן", וואס טרעפט זיך אן אזויפיל מאל אין טאג, זי דארף גארנישט, און איר שכר איז געוואלדיג. דער פלאץ וועט זיך ענדיגן און מיר וועלן נישט קענען באשרייבן אפילו אביסל פון אירע גרויסע מעלות, וואס די חכמים און קדמונים האבן מאריך געווען איבער איר גרויסקייט.

ווער ווייסט, אפשר דווקא ווייל די זאכן זענען באקאנט, פשוט און קלאר און עס איז נישטא אין זיי קיין חידוש, נישט איינמאל פאלט אוועק די געלעגנהייט פון אונטער די הענט, צוליב נישט אויפמערקזאמקייט. איז דאס נישט א שאד? דאס איז דאך ענליך צו איינעם וואס מען האט געגעבן די שליסלען פון די אוצרות פון קעניג און מען לאזט אים נעמען וויפיל ער וויל, אבער ער וויל בעסער שטיין אין זייט מיט א צוזאמגעלייגטע הענט.

מיר וועלן זיך משתדל זיין זאגן די ברכות הויעך, כדי צו מזכה זיין אנדערע מיט אמן, און אוודאי אכטונג געבן אויף יעדער ברכה ארום אונז צו פארדינען נאך א "אמן".

דער אוצר איז דא, עס לוינט זיך אויפשטיין און לויפן כאפן!

**מיט א רוף "ונרוממה שמו יחדיו"**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# איין קדיש און צוויי ניסים

די מעשה האט דערציילט דער באקאנטער מגיד הרה"ג רבי מאיר מיכאל גרינוואלד שליט"א, וואס יארן לאנג איז ער זיך מטריח און פארט ארום אין די גאנצע וועלט צו מחזק זיין און אויפלאמען אידישע הערצער איבער די גרויסקייט פון תפילה און ענטפערן 'אמן' און 'אמן יהא שמיה רבא'.

אין איינע פון זיינע רייזעס קיין אמעריקע האט ער גערעדט ביי א גרויסן פארזאמלונג פאר קינדער. זיינע ווערטער האט ער געווידמעט אויף די טעמע פון ענטפערן "אמן", איר מעלה, סגולה און אויך הלכות. וואס ער האט געוואלט עס זאל אריינגיין אין די אויערן פון די צוהערהער האט ער עס איבערגעגעבן אין א וועג פון וואונדערליכע ערציילונגען, און דאס האט געמאכט א שטארקן רושם אויף די צוהערער.

הרב גרינוואלד איז באגלייט געווארן דורך א יונגערמאן מיטן נאמען הרב טויבער, וועלכער האט זיך אנגעטראגן איבערזעצן זיינע ווערטער אויף די ענגלישע שפראך. נאך די דרשה האט הרב טויבער זיך דערמאנט, אז אין מאונט סייני שפיטאל אין מאנהעטן געפונט זיך איינער פון די חשובע רבנים אין ניו יארק נאכן אריבערגיין א שווערע הארץ-אטאקע. הרב טויבער האט


די מאונט סייני שפיטאל אין מאנהעטן

פארגעשלאגן פאר הרב גרינוואלד ער זאל אים גיין באזוכן און מחזק זיין, און הרב גרינוואלד האט גערן מסכים געווען.

ביים אריינגיין אין די אינטענסיוו-קער אפטיילונג [מחלקת טיפול נמרץ] האבן די צוויי באמערקט ווי א גרופע דאקטורים פארלאזן דעם רב'ס צימער מיט א באזארגטן פנים. הרב טויבער האט זיך נאכגעפרעגט ביים הויפט דאקטאר איבער דעם רב'ס מצב, און האט זיך דערשראקן צו הערן אז זיין מצב האט זיך אומגערישט פארערגערט און איז 'קריטיש', און ווי עס זעט אויס איז אים איבער געבליבן בלויז עטליכע שעות צום לעבן.

מיט א שווער הארץ האט הרב גרינוואלד מיט זיין באגלייטער זיך געאיילט אנקלינגען די משפחה פון רב, זיי זאלן שוין קומען אין שפיטאל בעפאר עס איז שפעט. די פאמיליע איז שאקירט געווארן הערנדיג די נייעס און האבן זיך געאיילט צום שפיטאל.

דערווייל האט זיך דער מצב ווייטער פארערגערט, אז ווען די משפחה איז אנגעקומען צום שפיטאל, האבן זיי געזען אז זיי מוזן שוין צוזאמנעמען צען מענטשן כדי זיי זאלן אנוועזנד זיין ביי יציאת נשמה. אבער זיי האבן געזען אז צוזאמען מיט הרב גרינוואלד און זיין באגלייטער זענען זיי נאר ניין מענטשן. פון וואו וועלן זיי האבן א צענטער?

איינער פון די דאקטורים וואס זיין הארץ איז אויסגעגאנגען צו זען די פאמיליע-מיטגלידער זענען געצווינגען אין די שווערסטע מינוטן פון זייער לעבן זוכן א צענטער אויף מנין, האט זיך דערמאנט אז אין די דערנעבנדיגן אפטיילונג ליגט נאך א איד וואס ליידט אויף די נירן, און ווארט אויף איינעם וואס זאל תורם זיין א ניר פון זיך צו ראטעווען זיין לעבן.

אנדערשט פון דעם געווענליכן סדר פון די שפיטאל און די שטרענגע כללים וואס זענען דארט איינגעפירט, האט דער דאקטאר באשלאסן דערציילן פאר די משפחה און זיי אנטראגן צו ברענגען דעם פאציענט אלס א צענטער צום מנין.

טראץ די פילע שוועריקייטן וואס זענען פארבינדן מיטן אריבערפירן א פאציענט פון איין צימער צו א צווייטע, האט דער דאקטאר געמאכט געוואלדיגע השתדלות אים אריבערצוברענגען אין דעם רב'ס צימער מיט אלע מעדיצינישע מאשינען וואס איז געווען פארבינדן צו אים. ער האט זיך אנגעשטרענגט מער פון זיין מעגליכקייט, נאר צו ערפילן דעם ווואונטש פון דעם רב'ס משפחה צו האבן א מנין וואס זאלן זיין נעבן זייער פאטער ביי יציאת נשמה.

נאך פיל מי האט מען אריבער געברענגט דעם פאציענט אין צימער. מען האט שוין געהאט א מנין, און די משפחה האט שוין געטראכט אנהייבן זאגן דעם סדר הוידוי און די ספעציעלע תפילות וואס זענען געאייגנט אויף די צייט. אבער דאן האט זיך מיטאמאל געהערט דאס שוואכע קול פון דעם איד וואס ליידט אויף די נירן, וואס איז געלעגן אין דעם דערנעבנדיגן בעט.

"ווארט, ווארט, א מינוט! - האט דער קראנקער געבעטן, "איך האב זיך מיטאמאל דערמאנט, אז פונקט היינט איז די יארצייט פון מיין מאמע ע"ה, ביטע לאמיר אויסנוצן די געלעגנהייט אז עס האט זיך דא פארזאמלט א מנין אידן איך זאל זאגן קדיש מיט א מנין!".

די אטמאספער, וואס האט געהערשט אין צימער אין יענע מינוטן, איז שווער צו שילדערן מיט ווערטער. צו דעם נאטורליכן התרגשות אין אזא מעמד, איז צוגעקומען דער גרויסער וואונדער וואס האט אנגעכאפט די אנוועזנדע אין דעם וואונדערליכן השגחה פרטית וואס האט זיך אנטפלעקט אקעגן זייערע אויגן.

דער חולה האט געזאגט קדיש ווען ער ליגט אין בעט, און די אנוועזנדע, מיט טרערן פארפלייצטע אויגן האבן געענטפערט נאך אים 'אמן' און 'אמן יהא שמיה רבה', ווי עס דארף צו זיין - מיט זייער גאנצע כוונה, כח און נשמה...

אין דער מינוט וואס מען האט געענדיגט זאגן קדיש, און דער דאקטער האט געגעבן א קוק אויף דעם מאניטאר סקרין, וואס איז געווען איבערן קאפ פונעם קראנקן רב, איז פון זיין מויל ארויסגעקומען א געשריי פון איבערראשונג - "וואו".

"איי דונט בליוו איט", "איך קען נישט גלייבן!" האט ער געשריגן, "דער מאניטאר פאנגט אן זיך סטאביליזירן!".

א וואונדערליכער נס איז געשען אין יענע מינוטן; נאך עטליכע טעג אין איין צי וואס אלע סימנים אויפן סקרין האבן געוויזן אז דער פאציענט געפונט זיך יעצט אין זיינע לעצטע טעג אויף דער וועלט, און האט זיך יעצט פארערגערט, איז פלוצלינג געווארן א איבערראשנדן ענדערונג אין זיין צושטאנד, א טויש וואס האט נישט קיין אנדערע אויסדרוק נאר "תחיית המתים!".

דער צווייטער פאציענט איז ארויסגענומען געווארן פון צימער און זיך אומגעקערט צו זיין אפטיילונג, ווען די גערירטע בני המשפחה האבן זיך באדאנקט און אים געוואונטשן א 'רפואה שלימה' פון טיפן הארצן. אין די קומענדיגע טעג האט זיך דעם רב'ס צושטאנד מער סטאביליזירט צו ביסלעכווייז, פון טאג צו טאג האט זיך זיין מצב פארבעסערט, אז ארום צוויי וואכן, איז ער צוריק צו זיינע כוחות, צו זיין הויז און זיין קהילה בדרך נס.

דאס איז געווען א ריכטיגע 'תחיית המתים'!

אבער מיט דעם האט זיך נאכנישט געענדיגט די קייט פון די ניסים.

עס זעט אויס אז אין יענעם טאג איז אין זייער צימער פארגעקומען נאך א נס, פונקט אין דער צייט וואס מען האט געזאגט דעם קדיש איז פארגעקומען א שווערע עקסידענט אין איינע פון די רוישיגע גאסן אין אמעריקע, אין דעם עקסידענט איז א יונגער גוי גע'הרג'עט געווארן, און זיין פאמיליע האט באשלאסן צו שענקען זיינע גלידער פאר קראנקע.

נאך א קורצע אונטערזוכונג, האט זיך ארויסגעוויזן, אז די ניר פונעם גע'הרג'עטן איז פונקט פאסיג צו דעם קערפער פונעם פאציענט וועלכער האט געזאגט דעם קדיש. אין א קורצע צייט איז דער פאציענט אריבער די טרענספלענט (השתלה - איבערפלאנצונג) מיט גרויס ערפאלג און אויך ער האט זיך אומגעקערט צו זיין הויז, צו די פרייד פון אלעמען.

פאר זייערע אויגן האבן זיי אלע געזען ווי עס ווערט פארווירקליכט די ווערטער פון חז"ל: "כל העונה אמן שמיה רבא בכל כוחו קורעים לו גזר דין של שבעים שנה", ויהי לפלא.

**'נוטרי ברכה' עמ' רסא**

# 'ברכת השנים'

## די מקור פון די ברכה

נאך די ברכה 'רפאנו' טון מיר פארזעצן און בעטן אויף פרנסה ביי די ברכה וואס ווערט אנגערופן אין שפראך פון די חכמים 'ברכת השנים', צוליב די אויספיר "מברך השנים". די ברכה איז די ניינטע אין די סדר פון שמונה עשרה, ווייל דער קאפיטל וואו דארט בעט דוד המלך עס זאל קומען א שפע פון תבואה אויף דער וועלט, און דורך דעם וועט צובראכן ווערן די כח פון די רשעים וואס הייבן די פרייז און דרוקן אונטער די ארימעלייט, איז דער ניינטער קאפיטל אין תהילים (מגילה יז ב). אין אונזערע צייטן איז דער פסוק (תהלים י טו) "שבור זרוע רשע", וואס איז מרמז אויף די אויבנדערמאנטע תפילה אין די צענטער קאפיטל, ערקלערן תוספות (שם ד"ה ודוד) אז די חכמים רופן עס אן די ניינטע ווייל אין זייערע צייטן איז די ניינטע און צענטע קאפיטל געווען איין קאפיטל.

אין ספר חסידים (תנג) איז ערקלערט אז מען זאגט ברכת השנים נאך די ברכה פון רפואה, ווייל אויב מען איז נאכנישט פארזיכערט מיטן לעבן - בעט מען נישט אויף פרנסה, אזוי ווי עס שטייט אין ספר תהלים (לג יט): "להציל ממות נפשם - ולחיותם ברעב". אזוי איז אויך דער סדר ביי די ימי הדין אנהויב יאר; נאר נאכן 'חתמ'ענען אויף חיים טובים אין הושענא רבה, איז מען דן אויף די רעגן אין שמיני עצרת. נאך ערקלערט דער 'סדר היום' (שמו"ע, הביאו המשנה ברורה קטו א) אז ברכת השנים איז אוועקגעשטעלט געווארן נאך די ברכה אויף רפואה, ווייל ווען א מענטש נויטיגט זיך אין רפואה, איז ער נישט פריי צו בעטן אויף זיין פרנסה.

## די באדייט פון די ברכה

אין די ברכה בעטן מיר פון ה' ער זאל בענטשן 'השנה הזאת', און עס זאל זיין א גרויסע ברכה אין די געוויקסן, אזוי ווי מיר טרעפן אז יצחק אבינו איז געבענטשט געווארן ווי עס שטייט (בראשית כו יב): "ויזרע יצחק בשנה ההוא וימצא בשנה ההוא מאה שערים ויברכהו ה'" ('סדר היום' שם).

לכאורה, וואספארא פשט האט צו דאווענען יעדן טאג אויף פרנסה, די חכמים זאגן דאך (ביצה טז א) אז אנהויב יאר ווערט אויף יעדן נגזר וויפיל פרנסה ער וועט האבן דאס יאר?

עטליכע וועגן זענען געזאגט געווארן אויף די קושיא: רבי יצחק האלט אז אויך נאכן גזר דין נוצט 'צעקה' [דאווענען] צו מבטל זיין די גזר דין, לויט דעם אויך אויב עס איז נגזר געווארן אויף א מענטש אין ראש השנה עס זאל אים שווער אנקומען זיין פרנסה, קען זיין תפילה מבטל זיין די גזירה (ר"ה טז א. און זעה אין ריטב"א דארטן אז די הלכה איז ווי רבי יצחק און אויף דעם פארלאזן מיר זיך ביים דאווענען). און תוספות (שם ד"ה כמאן) לייגט צו, אויך די וואס קריגן זיך אויף רבי יצחק זענען מודה אז א גזירה וואס איז נגזר געווארן אויפן ציבור קען מען עס מבטל זיין דורך תפילה, אויך נאכן גזר דין, און ווייל שמונה עשרה איז בלשון רבים, קומט אויס אז מיר דאווענען אויפן ציבור. נאך ערקלערט ר"ת אז לויט די שיטה וואס קריגן זיך מיט רבי יצחק בעטן מיר אין די ברכה אז אויב עס איז נגזר געווארן אין ר"ה עס זאל זיין ווייניג רעגן, זאל עס השי"ת שיקן אין די ריכטיגע צייט און פלאץ, וואס זאל ברענגען דאס מערסטע נוצן (תוספות שם).

## 'ושבענו מטובה' אדער 'ושבענו מטובך'

די ראשונים ('פירוש התפילות והברכות' לר"י בן יקר שמו"ע; שו"ת הרא"ש כלל ד כ) שרייבן אז מען דארף זאגן ביי די ברכה: "ושבענו מטובך" און נישט "מטובה", ווייל אונזער כוונה איז צו בעטן פון הקב"ה ער זאל אונז אנזעטיגן פון זיין גוט'ס (ע"פ נחמיה ט כה).

אבער דער משנ"ב ברענגט (שם) אין נאמען פון סידור האר"י, אז מען זאל זאגן "ושבענו מטובה", און אזוי האלט דער גר"א ('מעשה רב' אות מח). לויט זייער שיטה די ווארט "מטובה" באציט זיך אויף ארץ ישראל וואס אויף דעם בעטן מיר פריער: "ותן... על פני האדמה". און מען קען ברענגען א ראיה צו די שיטה פון דער נוסח ברכת מעין שלוש - "לאכול מפריה ולשבוע מטובה" (עיון תפילה' בסידור 'אוצר התפילות'. אבער דער טור או"ח סי' רח ברענגט אז דער רא"ש פלעגט נישט זאגן דער נוסח). רבי יחזקאל אברמסקי האט צוגעלייגט און געברענגט א ראיה צו די שיטה, פון דעם וואס ביי דער נוסח הברכה 'הביננו' וואס איז פאראלעל צו 'שמונה עשרה', בעטן מיר אנשטאט די לאנגע נוסח פון ברכת השנים: "ודשננו בנאות ארצך" ('חזון יחזקאל' תנ"ך עמ' שסג).

## די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז דו טוסט בענטשן די יארן, ויהי רצון אז דו זאלסט בענטשן די יאר (סידור 'נהורא השלם').

## די געבוי פון די ברכה

אין משנה (ברכות לג א) איז ערקלערט אז מען דארף בעטן אויף רעגן ביי ברכת השנים. אין טור (או"ח קיז, ע"פ 'בית יוסף' שם ד"ה ובאשכנז) זענען דא צוויי שיטות אין דער ענין: לויט נוסח בני ספרד זאגט מען זומער דער נוסח וואס הייבט זיך אן 'ברכנו', און ווינטער א לענגערער נוסח וואס הייבט זיך אן 'ברך עלינו'. אבער לויט בני אשכנז איז נישטא קיין אונטערשייד אין דער נוסח הברכה, צווישן זומער און ווינטער, נאר אז זומער בעט מען: "ותן ברכה על פני האדמה", און ווינטער: "ותן טל ומטר לברכה על פני האדמה".

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ אֶת קָרְבַּנְכֶם" (א ב)

רבי חיים פלטיאל פון די בעלי התוספות זאגט: "מכם" - איז גימטריה מאה, און די תורה קומט אונז לערנען אז זאגן "מִכֶּם" [מאה] ברכות יעדן טאג איז ווי א "קָרְבָּן לַה'", באוויליגט און מער אנגענומען פון די פאלגנדע קרבנות: "מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן".

א אנדערער רמז אין דער ענין שרייבט דער חכם הקדמון רבי יצחק בן רבי אליעזר: "יעדער וואס הייבט אויף זיין שטימע און זאגט די ברכות בקול רם, רעכנט די תורה ווי ער וואלט מקריב געווען אלע קרבנות פון פרשת ויקרא. ווייל מיר זאגן דאך יעדן טאג מאה ברכות וואס השי"ת'ס נאמען ווערט דערמאנט אין זיי, און נאך י"א ברכות וואס אין זיי איז נישטא קיין הזכרת השם - ביי 'ברוך שאמר', צוזאמען זענען זיי קי"א ברכות, אקעגן די קי"א פסוקים אין פרשת ויקרא".

## ברענגט 'מכם' מאה ברכות

עס זענען דא וואס ערקלערן לויט דעם די סיבה פארוואס די מצוה פון זאגן מאה ברכות ווערט געברענגט אין מסכת מנחות (מג ב), און נישט אויפן פאסיגן פלאץ - אין מסכת ברכות. ווייל מיט דעם האבן די חכמים אונז געלערנט אז זאגן מאה ברכות איז אזוי ווי ברענגען קרבן.

**"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".**

# מאוצרות אמונים

אוצרות פון אמן אויף פורים

## א ספעציעלער שליח אויף ענטפערן אמן

אויך אויף רבי חיים וואלאזשינער דערציילט מען אז ער האט געמאכט פאר זיך א גדר נישט זאגן א ברכה אויב עס איז נישטא ווער עס זאל ענטפערן אמן.

דער ראב"ד ירושלים הגאון הגדול רבי זעליג ראובן בענגיס, וואס איז געווען א וואלאזשינער תלמיד אין די צייט פון הנצי"ב פלעגט דערציילן א וואונדערליכער ערציילונג אין דער ענין:

אין נאכט ווען רבי חיים איז געזיצן און געווען פארטיפט אין תורה, האט ער מיטאמאל אנגעהויבן פילן א דארשט. רבי חיים האט געוואלט טרעפן עמיצן וואס וועט ענטפערן אמן אויף זיין ברכה, אבער ער האט נישט געפונען. די הויזגעזונד זענען געשלאפן, און אין אזא צייט האט זיך אויך קיינער נישט געפונען אין גאס. די זייגער האט זיך גערוקט און דער דארשט האט זיך געשטארקט, און מיט אמאל האט זיך געהערט א קלאפ אין טיר, ביים טיר איז געשטאנען איינער פון די ישיבה בחורים, וועלכער האט געוואלט פארשטיין א געוויסע סוגיא. רבי חיים האט זיך זייער געפריידט, געזאגט 'שהכל' בכוונה, דער בחור האט געענטפערט אמן און רבי חיים האט געשטילט זיין דארשט. דאן האט זיך רבי חיים געוואנדן ענטפערן אויף זיין פראגע.

צומארגנ'ס, ווען רבי חיים איז אריין אין בית המדרש, איז ער קודם צוגעגאנגען צו דעם בחור און געוואלט זיך נאכאמאל באדאנקען אז אין זיין זכות האט ער געקענט זאגן א ברכה. אבער דער בחור האט געקוקט מיט וואונדער און געזאגט: "רבי, איך געדענק בכלל נישט די מעשה, נעכטן נאכט בין איך געגאנגען זיך לייגן ווי געוועגליך אין א פרי שעה און איך בין נישט ארויס פון צימער ביז אינדערפרי".

דעמאלטס האט רבי חיים פארשטאנען, אז ווייל ער האט זיך געהאלטן שטארק נישט עובר זיין אויף זיין גדר נישט זאגן א ברכה אויב עס וועט נישט געענטפערט ווערן מיט א אמן, האט מען פון הימל געשיקט א באזונדערן שליח אין דער געשטאלט פון יענער בחור, ער זאל קענען זאגן די ברכה און שטילן זיין דארשט ('שאל אביך ויגדך' [פון רבי שלום שוואדראן] ח"א עמ' פז).

## די מלאכים קומען זיך צוזאמען ענטפערן אמן

דער ענין פון ענטפערן אמן דורך די מלאכים האט שוין דערמאנט דער מקובל **רבי צבי הירש קיידנובער** אין זיין ספר 'קב הישר' (פרק צו), וזה לשונו:

"דאס איז פשוט, אז ביי יעדע מצוה וואס א מענטש טוט ווערן פון דעם געבוירן און באשאפן הייליגע מלאכים, און דעריבער ווערן זיי אנגערופן די 'מחנה' פון די מצוה. און ביי יעדע מצוה וואס מען זאגט אויף דעם א ברכה קומען זיך צוזאמען אט די מלאכים, און שטייען ארום דער מברך און זיי הערן די ברכה און ענטפערן אמן. און א רמז אויף דעם: 'מלאך' איז בגימטריה 'אמן'".

# אגרות אמונים

א בריוו פון א געטרייער לייגער

לכבוד די רעדאקציע פון דער גליון 'וכל מאמינים' און די וואס שטייען אין שפיץ פון די געוואלדיגע אקטיוויטעטן און דער גרינדער הרב מרמארשטיין שליט"א

'אמן' איז איין קליינע ווארט, אבער נישטא נאך אין איר גלייכן אין שטארקייט. 'אמן' איז טאקע נאר איין ווארט, אבער דאס גאנצע דאווענען דרייט זיך ארום איר. 'אמן' איז איין ווארט וואס איז דער הויפט אין די לעבן פון א גלויביגן איד.

שוין לאנגע יארן וואס ענק לייגן אריין אזויפיל אין דעם ווארט, סיי בדיבור, סיי אין שרייבן און סיי אין למעשה, און אינוועסטמענט וואס האט געברענגט פרוכט - ענטפערן אמן האט באקומען דעם ריכטיגן בליק.

עס איז נישט קיין ספק אז עס איז נאך גילטיג די ווערטער פון חכמים (ברכות ו ב) "דברים שעומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בהן", און רש"י טייטש: "כגון תפלה". און איך האב געהערט פון מיין רבי זי"ע בעל 'ישועות משה' אז די כוונה פון רש"י איז אויך ענטפערן אמן, אבער עס איז אויך נישט קיין ספק אז די גרינגשעצונג אין דעם ווערט וויניגער און וויניגער.

אויך דער וואס איז נישט מקפיד אויף די מצוה לשם שמים, זאל עס טון שלא לשמה, ווייל אסאך הבטחות האבן חכמים צוגעזאגט פאר די וואס זענען מקיים די מצוה, און מתוך שלא לשמה בא לשמה. אויך האב איך געטראכט אז אין די ווארט אמן איז אויך מרומז אז ענטפערן אמן באשיצט דעם מענטש, ווייל אמ"ן איז ר"ת "אינו ניזוק מכלום".

מיט שעצונג

**א.כ. - בני ברק**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

אמן און ברכות אין די ווערק פונעם בעל הילולא

## רבי יהודה החסיד

### י"ג אדר ד"א תתקע"ה



דער שול אין שטאט רעגענסבורג וואס איז חרוב געווארן דורך די נאציס ימ"ש

רבי יהודה החסיד וועלכער איז פארערכנט אלס איינער פון די גרעסטע מקובלים אין לויף פון אלע דורות איז געבוירן געווארן אין אשכנז אין די תקופה פון די בעלי התוספות צו זיין פאטער רבי שמואל החסיד וועלכער איז געווען דער ערשטער פון די 'חסידי אשכנז'. זיין גאנצן לעבן איז געווידמעט געווען אויף תורה און עבודת הבורא זייענדיג אפשיידט אינגאנצן פון דער וועלט, און דערפאר איז זיין נאמען פאראייביגט געווארן 'רבי יהודה החסיד'.

רבי יהודה החסיד האט מרביץ תורה געווען ברבים און געדינט אלס ראש ישיבה אין רעגענסבורג. ער האט אוועקגעשטעלט תלמידים גדולי עולם, אזוי ווי דער "אור זרוע", דער 'רוקח' און בעל הסמ"ג. פון אלע עקן פון דער וועלט האט מען אים געפרעגט שאלות. אין זיין באקאנטע ספר 'ספר חסידים' טוט ער אויסטערטן א וועג פאר יעדער וואס וויל זיך אפצוגעבן מיט לימוד התורה און עבודת ה'. אויך דער פיוט 'שיר הכבוד' איז מיוחס צו אים. רבי יהודה החסיד איז נפטר געווארן אין רעגענסבורג אין שבת זכור י"ג ד"א תתקע"ה, איבערלאזנדיג נאך זיך פאר די קומענדיגע דורות זיין באקאנטע צוואה מיטן נאמען 'צוואת רבי יהודה החסיד'.

## מאה ברכות איז 'כל האדם'

אויפן פסוק (קהלת יב יג) "סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם" שרייבט רבי יהודה החסיד: "כל האדם" איז בגימטריה מאה, אקעגן די 'מאה ברכות' ('ספר הגימטריאות' אות סט).

## נישט גזל'ען די אמן'ס

יעדע ברכה דארף מען זאגן הויעך אויפן קול, ווייל דער וואס זאגט די ברכות שטיל גזל'ט ער פון ציבור די מצוה פון ענטפערן אמן (ספר חסידים רנד).